1158

**זמנים לימי הפורים:**
זמן כניסת החג - ווען דער פייפער קלינג ניסט
זמן יציאת החג - ווען מענטשען הערן אויף צו קויפן פיצע און צייטונגען

מיר טראגן נישט קיין פאראנטווארטליכקייט פאר'ן כשרות פון די פראדוקטען וואס ווערן אדווערטייזט, אדער פון מיינונגען אין די ארטיקלען, אדער אין די בריוו פון די ליינער.

**פרייזן:**
*בונעס איירעס 2 ס״ח *ניו יארק 1 סלע
*קרית יואל 3 גלגולת *קרית פאפא 1 סטעק
שיכון סקווירא 3 זלאטעס *לעיקוואוד 1 בקע

# דער ״וואר״ענטליכער ״איד״ישער עירוב ״בלאט״ ״צייטונג״

אויסגעגעבן
דורך חברה
שמחת פורים
בעיר בארא פארק
יע״א

## אומאפהענגיקער ״יתד נאמן״ וואס איז ״מודיע״ פאר ״די אלוועלטליכער ״אלגעמיינער״ ״אידישע פרעסע איבער דעם ״חרדישער וועלט״ די עירוב נייעס

ערשטע אויסגאבע- לעצטע דרוק -פאריגע וואך -קומענדיגע יאר- דריטע מילעניום

*גרעסטע, עלטסטע, פרעסטיזשפולסטע, באוויסטע, חשובסטע, מכובד'יגסטע, געהויבענסטע, אנגעזעהנסטע, אנגענומענסטע בית דין צדק רבתי, בית דין הגדול שבניו יארק*

## אגודת הרבנים דארה״ב וקאנאדא

### גוט ארויס שרייענדיגע, מורא'דיגע, שטארקע, ווילדע, געלונגענע, פעסטע, מעכטיגע מודעה, קול קורא, רעקלאמע, מעלדונג, גילוי דעת, פסק דין, הבהרה, הודעה אז ״ווער עס וועט טראגן מיט'ן עירוב אין בארא פארק איז א מחלל שבת בפרהסיא״

ניו יארק - אין די טעג איז מפורסם געווארן דורך די וועלט'ס בארימטע גרעסטע בית דין צדק מיט'ן נאמען ״אגודת הרבנים דארה״ב וקאנאדא״ א מודעה, קול קורא, רעקלאמע, מעלדונג, גילוי דעת, הבהרה, הודעה, אויף אלע שפראכן, אידיש, ענגליש, עיברית, רוסיש, אראביש, כינעזיש, גריכיש, פלעמיש, א.ד.ג. ״אז דער וואס וועט טראגען מיט עירוב אין בארא פארק, איז עובר אויף חילול שבת בפרהסיא״.

געווען איז דאס, מיט עטליכע וואכן צוריק ווען עס זענען זיך צוזאמען געקומען אלע סארטען רבנים וואס זענען אונטער שלייער פון די אגודת הרבנים דארה״ב וקאנאדא, דהיינו חסידישע, ספרדישע, אשכנזישע, ליטווישע, ליובאוויטשע, סאטמארע, תימנער, פאלאשען, ציוניסטישע, אגודת'טישע, מזרחיסטישע, עטיאפן, א.ד.ג. פון אלע שטעט פון איבער ניו יארק רבתי, ווי בארא פארק, וויליאמסבורג, קרוין הייטס, מאנהעטן, וועסט סייד, איסט סייד, מאנסי, ספרינג וואלי, שיכון כתר, שיכון סקווירא, קרית יואל, קרית פאפא, נייטרא ישוב, קרית קאשוי, בעיסוואטער, לעיקוואוד, קווינס, פארראקוועי, לורענס, בענסענהערסט, בעדפארד סטייוועסאן, פלעטבוש, בראנקס, באלטימאר, סטעטן איילענד, מאנטיסעלא, סוואן לעיק, ווייט לעיק, וואודריטזש, העריס, סאוט פאלסבורג, פאלסבורג, ליבערטי, עלענוויל, און נאך.

עס זענען געווען דארט אן ערך פון איבער טויזענט רבנים, גאונים, צדיקים, דיינים, אדמורי״ם, ראשי ישיבה, פוסקים, ראשי כוללים, שוחטים, סופרים, (די אסיפה האט געזאלט פארקומען אין מאנהעטן

(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)

*אויפשוידערונג אין בארא פארק:*

## שארפטאן פאררופט מיליאן מענער מארש איבער דיסקרימינאציע

### -חרדישע עסקנים אינטעוועניר׳ן אז זאל נישט פארקומען אין תחום העירוב -

ניו יארק - אן אויפשוידערונג האט ארומגענומען יעדע חרדישען איד אין בארא פארק, הערענדיג אז דער שווארצער שארפטאן מיט די הילף פון אנדערע שווארצע כלל טוערס, פלאנירען צוזאמען צו רופן א ״מיליאן מענער מארש״ צוליב דעם דיסקרימינאציע וואס נאר אין בארא פארק אין דעם עכם פרומען אידישען ישוב, האט די שטאט פארוויילטונג מסכים געווען צו צושטעלן אן ״עירוב״, און נישט אין אנדערע געגענטער ווי עס וואוינען שווארצע, וואס זיי פירן זיך אויך ״מאז ומקדם״ נישט צו טראגן אן קיין עירוב. דער מאסן ״מיליאן מענער מארש״ איז פאררופן געווארן אויף קומענדיגן דינסטאג, ארויסגייענדיג פון 60 גאס, דעם גאנצען וועג אראפ ביז 35. אויף די דרייצענטע עווע.

אין נאמען פון די עסקנים זענען מיר אויפגעפאדערט צו בעטן דעם ריזן ציבור, צו פאלגן די אנווייזונגען פון די פאליציי און סדרנים, אז עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים.

## ציוניסטישע רבנים פון אלע קרייזן פון די מזרחי שטעלן זיך צו די מתנגדי העירוב

ניו יארק -עטליכע רבנים פון די מזרחי און דעם פועל המזרחי אין אמעריקע, האבן זיך בלית ברירה צוזאמענגעשטעלט מיט די רבנים פון די פארקערטע קרייזן פון זיי, כאטש זיי האבן דאס נישט געוואלט, האבן זיי צוליב דעם גרויסן דרוק פון עטליכע אנטי עירוב עסקנים אין בארא פארק זיך געמוזט צושטעלן און זיך אונטערשרייבן אויף דעם מעכטיגן שטענדיגען ״גלוי דעת״ פון די מנגדי העירוב, וואס זיי האבן געוואלט אויף סיי וואס פארא אופן, אנצוקומען צו א חשבון פון עטליכע זיבעציג רבנים, כאטש רוב פון די רבנים זענען בכלל נישט באקאנט פאר'ן ציבור.

זעה די דעקלעראציע פון די מזרחי און פועל המזרחי אין אמעריקע און איינע פון די בלעטער און אונזער צייטונג, דעם נאמער קומענדיגער אויסגאבע.

*שנאת הדת איבער די וועלט וואקסט פון טאג צו טאג:*

## ענגלאנד וויל פאר'משפט'ן פינאטשעי פאר'ן נישט טראגן מיט'ן עירוב

ענגלאנד - אויב האט איר געליינט דעם שוידערליכען באריכט אונזערע איבער שארפטאן'ס מיליאן מענער מארש, איז דאס נאכנישט גענוג, נאר דער קייט פון שנאת הדת איבער דער גארער וועלט גייך ווייטער און ווייטער, או צוט זיך ווי א קייט, נעכטן איז דערהאלטן געווארן א שוידערליכע מעלדונג, אז ענגלאנד וויל פארמשפט'ן דעם געוועזענעם דיקטאטור פון כינע פינאטשעי, אלס צוליב דעם וואס ער האט קיינמאהל נישט געטראגן מיט'ן עירוב...

עס שטעלט זיך באלד ארויס אז דאס איז צוליב שנאת הדת, ווייל אויב נישט וואס גייט זיי בכלל אן צו ער האט יא געטראגען מיט'ן עירוב צו נישט?.

## גייענדיג צום דרוק:

גייענדיג צום דרוק איז ערהאלטען געווארן דעם מעלדונג פון עטליכע ספרים געשעפטן, אז עס שטייען לאנגע רייען פון הונדערטער אידן צו קויפן, דעם נארוואס ערשיינענעם קונטרס ״כרם ביבנה חלק ג׳״ מיט תשובות קעגן דעם עירוב אין בארא פארק.

*פאליציי אין בארא פארק שטעל אפ גאנצע גאסן ווען:*

# שטיקער אייז פאלן פונעם עירוב

בארא פארק - ווען טויזנטער בארא פארקער איינוואוינער זענען אויפגעשטאנען פארגאנגענעם שבת קודש פרשת תצוה, האבן זיי געזעהן ווי עס האבן זיך ארויסגעלאזט הונדערטער פאליציי איבער די גאסן פון שטאט, נישט פארשטייענדיג וואס גייט פאר, האט זיך דער עולם צוזאמענגעזאמעלט ארום די פאליציי אפיצירן, און זיי ארומגענומען מיט פארשידענע שאלות, און פראגעס, וואס איז דער אקציע וואס זיי מאכן?.

עס האט גענומען זייער לאנג ביז די פאליציי האבן געקענט גענוי מסביר זיין וואס דא קומט פאר, וויבאלד זיי האבן נאך אזא מין זאך קיינמאהל נישט געזעהן, אויף אלע גאסן ארום בארא פארק העגגען דינע שטריקן, האבן זיי געזאגט - און עס הענגט דערויף גרויסע שטיקער אייז, די פאליציי האבן נישט געקענט פארשטיין:

ווי אזוי אזעלכע גרויסע שטיקער אייז האלטן זיך אויף אזעלכע דינע שטריק (עס האט געוואויגן בערך א טאן יעדעס שטיקל) און די שטריק צורייסט זיך נישט??? (א נס בתוך נס).

אבער א צווייטע זאך האבן זיי יא פארשטאנען אצינד - זיי האבן פארשטאנען די סיבה פארוואס מען האט איינגעגעבן אין שטאט א קלאגע, קעגן דעם וואס מען האט געמאכט אזא קליין שטריקל ארום דעם שטאט, וועמען ארט עס דען? אבער אצינד אז עס פאלט דערפון שטיקער אייז, פארשטייען זיי שוין דערפון דעם גרויסן סכנה...

*סענעטעישאן דעפארטמענט רעדט זיך אפ:*

# בארא פארק איבער-געפילט מיט רעקלאמע'ס

ברוקלין - דורך געהיימע קאנטאקטן וואס אונזער קארעספאדענט האט אנגעקניפט מיט די סענעטעישאן דערפאטמענט, איז מען ארויף אויף א ערענסטע חשש, אז זיי ווילן אסר'ן צו הענגען צעטלעך אין די בארא פארקער גאסן, פאשקעווילן איז אפגערעדט, אז עס וועט גע'אסר'ט ווערן, צוליב דעם גרויסן שמיץ וואס דאס מאכט אן, ווי עס קוקט, וועלן סיי די אוסרים און סיי די מתירים מוזן מפרסם זיין אין אונזער צייטונג זייערע רעקלאמע'ס.

*היסטארישער אנטדעקונג:*

# אין פוילן, אונגארן, רוסלאנד, ראמעניע קיינמאהל נישט געווען קיין שניי

די גרעסטע היסטאריקער אין בארא פארק, האבן דעם ווינטער פעסט-געשטעלט, אז אין די לענדער און שטעט ווי אונזערע לטערן האבן געוואוינט, ווי למשל רוסלאנד, פוילן, אונגארן, רומעניע, א.ד.ג. אפילו אין די קאלטע פלעצער פון די קארפאטן בערג האט קיינמאהל נישט געשנייט, און עס איז קיינמאהל נישט געווען קאלט, אפילו אין די שווערסטע פרעסט איז געווען העכער זיבעציג די גראט.

די ראי' דערפון נעמט זיך, פון דעם ווייל עס ווערט בכלל נישט דערמאנט א שאלה אין קיין שום שו"ת ספר, ווי חתם סופר, מהרש"ם, בית שלמה, וכדומה, טאמער עס הענגט אייז פונעם עירוב???....

דעריבער האבן די היסטאריקער פעסט געשטעלט, אז עס איז די שאלה בכלל נישט געווען שייך דארט, ווייל קיין שניי איז דארט נישט געווען...

כולל חשוב בעיר בארא פארק
בנשיאות רב גדול וקדוש שליט"א
ובהנהלת ראש כולל גאון צדיק שליט"א

---

**וויכטיגער מעלדונג!!**

עס ווערט געזוכט צו באקומען דעם חשובן קובץ כרם ביבנה חלק א' און חלק ב' (קעגן דעם עירוב אין בארא פארק) - היות עס איז נאר דא צו באקומען דעם דריטן חלק.

***באמערקונג פון רעדאקציע:***

מיט אנטשולדיגונג - איר קענט בלייבן ביים זוכן - ווייל עס איז קיינמאהל נישט געווען אזא זאך.

## טשיקאווע נייעס

אין ביהמ"ד אין בארא פארק איז א ספר תורה כמעט אראפגעפאלן ווען דער בעל הגבה האט געהויבן די הענט און אלע האבן רח"ל באמערקט אז ער האט א זייגער...

****

געוויסע ביהמ"ד אין בארא פארק האט אויפגעהערט צו ליינען קריאה"ת יעדן שבת צוליב'ן איסור אז דער וואס באנוצט זיך מיט'ן עירוב, טאר נישט עולה זיין לתורה...

# דעלעגאציע פון מאנסי באגעגענט זיך מיט לואיס פאראקאן

## - עס ווערט פארדעכטיגט אז דער רעיון העירוב נעמט זיך פון די ציוניסטישע שטעט -

טשיקאגא - מיט עטליכע וואכן צוריק האבן זיך עטליכע עסקנים פון מאנסי, באגעגענט מיט דעם מוסלמענישן גלח, לואיס פאראקאן.

שפעטער איז פאראקאן צוריק געקומען א באזוך קיין מאנסי, און מיט א וואך שפעטער איז פארגעקומען פאר די גרופע גאר א פייער'ליכער אויפנאמע, ווי עטליכע טויזענט מוסלמענער, האבן אנטייל גענומען.

בעיקר איז דארט אדורך גערעדט געווארן עטליכע ענינים, וואס זענען על הפרק, דער הויפט זאך דערפון איז געווען איבער דעם עירוב אין בארא פארק, וואס עס קען זיין, אז דער גאנצער רעיון נעמט זיך פון די ציוניסטישע שטעט אין מדינת ישראל, ווי בני ברק, און ירושלים וואס דארט זענען אויך דא אויף די שטעט אזא מין זאך ווי אן עירוב...

*אידישע וועלט אויפגעשוידערט:*

# חשש אז קאן עדיסאן נוצט די קעבל'ס מיט אזעלכע שטריק וואס מען האט גענוצט אין קראקא פאר'ן עירוב

ווי מען האט אנדעקט אין דער לעצטער תקופה, אז קאן עדיסאן נוצט די זעלביגע שטריקן פאר קעבעל'ס, ווי דער רמ"א האט גענוצט אין קראקא.

ווי עס קען גאר זיין האט מען די זעלבע אויך גענוצט אין ווילנא, די חשש איז מבורר געווארן נאכדעם ווען עס איז ערשינען דעם שרעקליכען חשש פסול אויפ'ן עירוב אין בארא פארק, וואס עס האט געהאנגען אויף דעם גאנצע גראבע שטיקער אייז, האבן די עסקנים געוואלט וויסן וואס עס איז גענוצט געווארן אין די ווארעמע לענדער ווי רוסלאנד און פוילן, ווי אונזערע עלטערן האבן געוואוינט.

נאך לאנגע אינטענסיווע עסקנות, מיט ארכיאלאגישע פארבינדונגען איז ענדליך מבורר געווארן, אז עס קען זיין, אז דער רמ"א האט גענוצט אזעלכע שטריק, ווי קאן עדיסאן נוצט פאר קעבעל'ס אין ברוקלין, וואס פון אזעלכע שטריקן הענגען בכלל נישט קיין אייז.

*אינטענסיווע בארטונגען איבער טוישן נאמען פון בארא פארק*

# באבוב פרעמינאד איז ווי אן אייגן שטאט

אין איינע פון די מעכטיגע דרשות קעגן דעם עירוב, איז געהערט געווארן א מעכטיגער פסק הלכה לעניני עירובין, אז די גאס אין בארא פארק וואס רופט זיך באבוב פרעמינאד איז גאר ווי א אייגן שטאט, וויבאלד דער מאיער עד. קאטש האט געגעבן דעם נאמען און ער האט רשות צו טוען מיט די שטאט וואס ער וויל.

דעריבער גייען יעצט אן אינטעסיווע בארטונגן מיט מאיער דזשוליאני, ער זאל אנרופן בארא פארק מיט א צווייטען נאמען, וועלן אוועק פאלן אלע פראבלעמען.

אויפן פאליטישען האריזאנט

פון: הרב ויזתא סופר

# איבער דעם עירוב אין שושן הבירה

דאס קעפל "איבער דעם עירוב אין שושן הבירה" רופט ארויס גרויס אינטערעסע ביי די ליינער.

צום ערשט דארף מען פארשטיין, וואס עס גייט אייך ליבע ליינער אן צו עס איז געווען אן עירוב אין שושן הבירה צו נישט? צווייטענ'ס און אויב עס איז יא געווען אן עירוב אין שושן הבירה, וואס האט איר ליבע ליינער דערפון? דריטענ'ס אויב עס איז נישט געווען קיין עירוב אין שושן הבירה האט איר דאך דערפון ווייטער גארנישט, אויב אזוי וואס איז בכלל אינטערעסאנט דער גאנצער ארטיקל, א שאד פאר די טינט, פאר די פאפיר, פאר די צייט פון די שרייבער, פאר די צייט פון די ליינער, איז פארוואס זאל מען פארברענגען צייט מיט דעם ארטיקל...

אבער ניין! עס ברענגט יא ארויס גרויס אינטערעסע דער ארטיקל, טאקע פארוואס אויב צוליב די אויבענדערמאנטע טעמים, האבן מיר דאך שוין באשלאסן, אז עס איז א שאד פאר די טינט, פאפיר, צייט, א.ד.ג. איז וואס איז טאקע די גרויסע אינטערעסע מיט דעם ארטיקל... וואס גייט עס מיך בכלל אן צו עס איז געווען אן עירוב אין בארא פארק - אנטשולדיג אין שושן הבירה - נאר דאס אליין אז עס איז געווען אן עירוב אין שושן הבירה שטעלט מיט זיך עטליכע פראגעס: א) צו האט שושן הבירה געהאט א בית דין קבוע, ב) צו האט שושן הבירה געהאט א אייגענע "מאז ומקדם" מסורה איבער עירובין ג) און אויב עס איז יא געווען אן עירוב אין שושן הבירה, צו איז געפאלן אייז פון דעם אדער נישט???...

דעריבער ווילן מיר אלזא ליבע ליינער, צונעמען דעם ענין אויף קליינע שטיקלעך, מיר ווילן דאס צופיצלען אזוי ווי א לעגא שפיל.

אויף די ערשטע שאלה צו האט שושן הבירה געהאט א בית דין קבוע, דאס איז לכאורה נישט קיין פראבלעם, וויבאלד אחשוורוש האט געוועלטיגט פון הודו ביז קיש שבע ועשרים ומאה מדינה... הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות, האט ער דאך דעריבער געקענט געבן רשות, אז די שטאט זאל ווערן א רשות היחיד, א ראי' פון ניו יארק, ווי דער געוועזענער מעיאר עד. קאטש האט געקענט געבן רשות פאר באבוב פרעמינאד, אז דאס זאל ווערן ווי אן אייגען שטאט, דעריבער איז דא דארט אן עירוב, די זעלבע האט דאך אויך געקענט זיין אין שושן הבירה, אז אחשוורוש זאל געבן רשות צו מאכן דארט אן עירוב, דארף מען דאך שוין נישט קיין בית דין קבוע!.

איז די שאלה יעצט נאר צו אחשוורוש האט טאקע געגעבן רשות דארט צו מאכן אן עירוב, ווי מיר ווילן דאס באלד אי"ה פארהאנדלן און אונזער ארטיקל.

אויף די צווייטע פראגע צו שושן הבירה האט געהאט אן אייגענע "מאז ומקדם" מסורה, דאס פרובירן שוין מומכים נאכצוגיין א לאנגע צייט, און זיי האבן דאס נישט געקענט פעסשטעלן, עס איז טאקע באריכטעט געווארן מיט צוויי וואכן צוריק, אז עס וועט געצאלט ווערן פינעף טויזענט דאלער אויב איינער, וועט אפיר ברענגען דאס ארגינעלע צעטל געדרוקט אין סלאוויטא'ער דפוס, פון דעם "מאז ומקדם" מסורה אין שושן הבירה, ווייל מאנכע טענה'ן אז אין שושן הבירה איז אזא מסורה קיינמאהל נישט געווען, אבער די אנדערע צד האלט אויב איז טאקע נישט פארהאנען אזא מסורה, פארוואס זאל מען טאקע נישט מאכן אזא מסורה? ווי מען זעהט אין בארא פארק, אז עס איז פלוצלינג נולד געווארן א נייע מסורה פון מאז ומקדם...

נאר עס קען זיין אז די מסורה פון מאז ומקדם אין שושן הבירה איז געווען אז מען האט יא געטראגען ווען עס איז געווען אן עירוב, קען מען דאך נישט קומען מיט א צעטל און שרייבן אז "מאז ומקדם" האט מען נישט געטראגן, אבער דאס איז דאך אויך נישט אמת ווייל מען קען דאך פעלשעווען דעם אמאליגן מאז ומקדם און מען קען איינפירן א נייעם מאז ומקדם, פונקט ווי מען האט געטוען אין בארא פארק?...

דעריבער קענען די עסקנים נישט ארויסקריכען פונעם פלאנטער אויב איז אין שושן הבירה געווען די מסורה פון "מאז ומקדם".... אבער וואס איז אייך א נפק"מ אויב אין שושן הבירה איז געווען דער מסורה פון מאז ומקדם, ווען מען גייט עס דען אן, העלפט עס דען צו אייערע פראבלעמען, עס איז א שאד פאר די טינט, פעפער, אונזער צייט, אייער צייט... דעריבער ווילן מיר גיין צום קומענדיגען פראגע...

אויף די דריטע פראגע צו עס איז געפאלן אייז פון דעם עירוב אין שושן הבירה, איז דאך פשוט נישט שאלה, ווייל אין שושן הבירה איז דאך געווען "מחיצות" א עיר מוקפות חומה, נאר עס קען זיין דעם פראבלעם, אפשר איז געווען פירצות, בריקן, טאנעלן, הייוועי'ס און אנדערע מרעין בושין וואס קען שטערן פאר די שלימות פון די מחיצות.

אדער קען זיין אז עס האט געהערשט דער זעלבער חשש ווי אין בארא פארק, אז מענטשען ווילן גיין אום שבת קודש קויפן פיצע, אדער צייטונגען א.ד.ג.

דעריבער קומען צוריק צום אנהויב, צו איז אין שושן הבירה געווען אן עירוב אדער נישט? אבער ווי מיר האבן דאך שוין געשמועסט אינטערעסירט עס קיינעם נישט, ווייל אז מען האט שוין געברענגט ראיות פון די גרעסטע שטעט, ווי עס האבן געוואוינט די גרעסטע גדולים, וואס האבן איינגענומען די וועלט מיט זייער תורה און מיט זייער לומדות און זיי האבן פעסטגעשטעלט אז "מאז ומקדם" אויב עס איז געווען אן עירוב אין שטאט האט מען זיך באנוצט מיט דעם עירוב, איז וואס איז דער פראבלעם, עס איז דא עוררין, חז"ל זאגן דאך אז אויף יעדען גוטע זאך איז דא שטערונגען, ווי גרויס די קדושה איז אזוי גרויס איז די פארקערטע, ע"כ האבן מיר בכלל נישט וואס מאריך צו זיין אויב אין שושן הבירה איז געווען אן עירוב אדער נישט, אבער אזויפיל איז זיכער, ווען אפילו איין גדול זאל שרייבן, עפעס א ווארט, וועגן רשות הרבים, עירוב, וואלט דאס שוין געווען מפורסם אין אלע צייטונגען...

אז פלוני אלמוני האט געזאגט איבער דעם עירוב דארט און דארט... אז עס איז א ספק רשות הרבים דאורייתא.

## המזרחי והפועל המזרחי דארה"ב

עם ישראל - מדינת ישראל - תורת ישראל

---

ב"ה, שנת החמשים ואחת למדינת ישראל

## גילוי דעת

אנו הח"מ, מדיעים בזאת לחברינו אחים לדעה,
כי השבת היא מיסודי דתנו, ועפ"י דת תורתנו
אין לטלטל בעירנו, כי אין לסמוך על העירוב
שנעשה ע"י רבנים מהחוגים הקיצוניים
שאהבת תורת ישראל עם מדינת ישראל
אינה מקוננת בלבבם.

ואף שנאלצנו לחתום את שמנו על "גילוי דעת" בצוותא
יחד עם הרבנים מהחוגים הקיצונים, וביניהם רבני סטמר,
עם כל זה הננו בהודעה מיוחדת זו לכל חברי קהילתנו
אוהבי ציון וירושלים, הששים ושמחים בהלל והודיה
ביום עצמאותה ראשית צמיחת גאולתנו

ועל זאת חתמנו שמנו ביום רביעי כ"ז טבת תש"ס

הרב ד"ר **יעקב פולק**
בית הכנסת שומרי אמונה

הרב ד"ר **ישראל מ. קירזנר**
בית הכנסת בני יהודה

הרב ד"ר **אבא ברונשפיגל**
בית הכנסת זכרון יהודה

הרב ד"ר **יהושע י. לוסטיג**
בית הכנסת בני ישראל